בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת וישב
כג כסלו
מברכים חודש טבת
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 7
(94)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דערנאך זענען זי אלע גיגאנגען זוכין די איבריקע זענען זיי גיגאנגען און זענען גיקומען צו איין מדינה האבין זיי אויך גיפרעגט ווער איז אייער מלך האט מען זיי גיענפערט. אז זייער מלך איז א בן שנה ווארין זיי זענען פון דער כיתה וואס זיי האבין זיך אויסגיקליבין. אז דער וואס ער האט אסאך מזונות און ער ווערט ניט גישפייזט פון דעם עסין פון אנדערע מענשן. דער קער צו זיין א מלך. האבין זיי אויף גינומען דערוויל איין עושר פאר איין מלך. דערנאך האבין זיי גיפונען א מענשן וואס ער איז גיזעסין אין א ים פון מיליך. איז ער זיי זייער גיפעלין ווארין דער מענטש ווערט זיך גישפייזט זינט ער לעבט פון מיליך. און ער ווערט ניט גישפייזט פון עסין פון אנדערע מענטשן. איבער דעם האבין זיי אים אויף גינומען פאר א מלך. און איבער דעם הייסט ער א בן שנה ווייל ער לעבט פון מיליך ווי א בן שנה (דהיינו א קינד פון איין יאר) האבן זיי זיך גישטויסן אז דאס איז בוודאי דאס קינד זייערס. האבין זי גיבעטין אז זיי זאלין זיך זעהן מיט אים. איז מען גיגאנגען מעלדיוען זענען זיי אריין גיגאנגען צו אים האבין זיי זיך דערקענט איינס דאס אנדערע ווארין ער האט זיי אויך דערקענט האטשע ער איז זיך גיווען א קליין קינד דעמולט אז ער איז אוועק גיחאפט גיווארן. לושמיר ווייל ער איז גיווען א גרייטער חכם ווי ער איז גיבוירין גיווארן. ווארן ער איז זיך גיבוירין גיווארין מיט גרייטער חכמה כנ"ל. איבער דעם האט ער זיי דערקענט. און זי האבין אים בוודאי דערקענט. איז בוודאי דארט גיווען זייער איין גרויסע שמחה. לושמיר זיי האבין נאך גוויינט וואס זיי ווייסין ניט פון דעם מלך מיט דער מלכה. און זיי האבין אים גיפרעגט ווי קומסטו אהער האט ער זיי דערציילט אז דעמולט אז דער רוח סערה האט אים אוועק גיחאפט האט ער אים אוועק גיטראגן ווי הין ער האט אים גיטראגין איז ער דארט גיווען אויף דעם ארט. און ער האט זיך מחיה גיווען מיט וואס ער האט דארט גיפונען. ביז ער איז גיקומען צו דעם ים פון מיליך. האט ער פארשטאנען אז דער ים איז בוודאי גיווארין פון זיין מוטערס מיליך. ווארין די מיליך האט זי בוודאי גישפייזט. און דערפון איז גיווארין דער ים. איז ער דארט גיזעסין אויף דעם ים פון מיליך. און ער איז גיווארין גישפייזט פון דער מיליך ביז די מדינה זענען גיקומען. און האבין אים אויף גינומען פאר איין מלך.

דערנאך זענען זיי וויטער גיגאנגען און זיי זענען גיקומען צו איין מדינה. און זיי האבין גיפרעגט ווער איז בי אייך דער מלך. האט מען זיי גיענפערט אז זיי האבין זיך אויס גיקליבין אז רציחה איז דער תכלית. האבין זיי זיך אויף גינומען פאר א מלך איין רוצח. דערנאך האבין זיי גיפונען איינע איז גיזעסין אין א ים פון בלוט. האבין זיי זי אויף גינומען פאר א מלך ווארין זיי האבין גיזעהן. אז זי איז בוודאי זייער א גרוסער רוצח ווארין זי זיצט זיך אין א ים פון בלוט. האבין זיי אויך גיבעטין אז זיי זאלין זיך מיט איר זעהן. זענען זיי גיגאנגען און האבין גימעלדיוועט. זענען זיי צו איר אריין גיגאנגען. און דאס איז גיווען די מלכה הנ"ל. וואס זי פלגט תמיד וויינען. און פון אירע טרערין איז גיווארין דעם ים פון בלוט כנ"ל. האבין זיי זיך איינס דאס אנדערע דערקענט. איז דארט בוודאי גיווען זייער א גרויסע שמחה לושמיר זיי האבין נאך גיוויינט. וואס זיי ווייסין נאך פון דעם מלך ניט.

זענען זיי ווייטער גיגאנגען. און זיי זענען גיקומען צו איין מדינה. האבין זיי גיפרעגט ווער איז אייער מלך האט מען זיי גיענפערט. אז זיי האבין זיך אויס גיקליבן פאר א מלך איין איש מכובד. (כלומר א מענטש וואס האט כבוד וכו' כנ"ל) ווארין ביי זיי איז דער עיקר תכלית כבוד. דערנאך האבין זיי גיפונען סע איז גיזעסין אין פעלד. א זקן אנגיטאן אין איין קרוין אויף זיין קאפ. איז ער זיי זייער וואויל גיפעלין. ווארין ער איז א מכובד. ווארין ער זיצט אין פעלד אנגיטאן אין איין קרוין. האבין זיי אים אויף גינומען פאר איין מלך. האבין זיי זיך גישטויסין. אז דאס איז בוודאי זייער מלך אליין. האבין זיי אויך גיבעטין. אויב סע איז מעגליך מיט אים זיך צו זעהן. איז מען גיגאנגען און מע האט גימעלדיוועט. זענען זיי צו אים אריין גיגאנגען האבין זיי דערקענט. אז דאס איז דער מלך אליין. און די שמחה וואס דארט איז גיווען קאן מען בוודאי ניט משער זיין אין מוח. און די נארישע גאטין (דהיינו די גרויסע עשירים פון דער מדינה פון עשירות וואס זיי זענען מיט זיי גיגאנגען) גייען מיט זיי. און זיי ווייסין גאר ניט פון זייער לעבין וואס דא טוט זיך. וואס מע איז דא אזוי פריילך.

וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַּארְ'גָאטֶ'עט אִין דִי תַּאֲווֹת פוּן אֵיינֶע פוּן דִי כִּיתּוֹת, וִוי גֶעלְט, כָּבוֹד, רְצִיחָה, אָדֶער נִיאוּף וְכוּ' פַּארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט וָואס אִיז דֶער שִׂמְחָה אַזוֹי גְרוֹיס בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה; וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטִיבְּל אוּן זֶעט וִוי אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, וואוּנְדֶערְט עֶר זִיךְ 'וָואס אִיז יֶעצְט דָא דֶער שִׂמְחָה?' 'וָואס טַאנְצְט מֶען דָא?'

און היינט זענען שוין ווידער און איינעם צום אויף גיקומען דער הייליגער קיבוץ. דהיינו דער מלך מיט די אלע הייליגע לייט. האבין זיי גישיקט דעם בעל תפלה צו די אלע מדינות (דהיינו די מדינות פון אלע כתות וואס איטליכע כיתה האט זיך אויס גיקליבן איין שלעכטע זאך פאר א תכלית כנ"ל) אז ער זאל זיי פאר רעכטין. און זאל זיי ריי‏ניקין. ער זאל זיי ארויס פירין פון זייער פאר פירטקייט. איטליכע מדינה זאל ער ארויס פירין פון איר שלעכץ און פון איר נארישקייט. ווארין זיי אלע זענען זיך פארפירט גיווארין כנ"ל.

### דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען דִיךְ רֵיינִיגְן

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת וַוייל מֶען זֶעט דָא אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין סַיי וֶועלְכֶע כִּתָּה פוּן דִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְטֶע כִּתּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט אוֹיס, וִוי נִיאוּף, רְצִיחָה, כָּבוֹד וְכוּ', רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ שׁוֹין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲווֹת פוּן אַלֶע כִּתּוֹת אִינְאֵיינֶעם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיז נָאכְאַלְץ דָא פַאר אִים אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קֶען דִיךְ רֵיינִיגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען דִיךְ רֵיינִיגְן, אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?"** וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם סְפֶּעצִיעֶלֶע דִיבּוּרִים, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶ דִיבּוּרִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֶעבְּן מִיט דִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דִיר צוּ דִינֶען?"**

## אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): **"צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה"**, מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת, **"וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל"**, אוּן צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר וָואס הֵייסְט מֶען זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת? כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן! אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי נִישְׁט גוּטֶע כִּיתּוֹת, נָאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר זֶעט אוֹיס צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאךְ ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען לַאכְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נָאכְנִישְׁט דֶעם קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז שׁוֹין אִינֶעם הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְּט, עֶר בּוֹיעֶט, עֶר פַארְגְרֶעסֶערְט וְכוּ', **'דוּ טְרַאכְסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' 'דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' הָאסְט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעגֶעבְּן אֵיין קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?'** - דָאס הֵייסְט 'שֵׂכֶל', אוּן אַז נִישְׁט אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶער 'דִמְיוֹן'.

דִי וֶועלְט טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס אַנְדֶערְשׁ, אַז 'שֵׂכֶל' אִיז דֶער וָואס קֶען גֶעבְּן אַ בְּלִינְק מִיט זַיין אוֹיג צוּ אַ חַבֵר, אָדֶער מַאכְן אַ וֶוערְטְל אוֹיף אֵיינֶעם, אַנְדֶעם וָואס יֶענֶער זָאל בַּאמֶערְקְן, **"מִיר זֶענֶען גֶערִיבֶּענֶע קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶענֶער אִיז נֶעבֶּעךְ דֶער תָּם, אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער מֶענְטְשׁ..."**, אֵיינֶער וָואס גֵייט מִיט לַאנְגֶע פֵּיאוֹת אִיז אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דַיין וֶועג; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַנְדֶערְשׁ, אוֹיבּ רֶעדְסְטוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאסְטוּ 'שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה', אוּן אוֹיבּ טְרַאכְסְטוּ נָאר פוּן זִיךְ, **"אִיךְ וֶועל הָאבְּן"**, **"אִיךְ וֶועל זַיין מֶעכְטִיג"**, **"יֶעדֶער וֶועט וִויסְן פוּן מִיר"**, בִּיסְטוּ טִיף אִין 'דִמְיוֹנוֹת'. יֶענֶער וָואס זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, עֶר גֵייט מִיט לֶענְגֶערֶע פֵּיאוֹת אִיז נִישְׁט מָאדְנֶע, עֶר אִיז אַ נַאטוּרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרָאדֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, כט): **"עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ גְרָאד, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין וֶועג, אֶפְשַׁר זֶענֶען מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט? אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער וָואס מַאכְט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן, אֵיינֶער וָואס בְּלִינְקְט זִיךְ צוּ אַ חַבֵר אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע.

און היינט האט דער בעל תפלה בוודאי כח גיהאט צו זיי צו גיין און זיי אומקערין צום רעכטין וועג. ווארין ער האט גינומען כח און רשות פון די מלכים פון די אלע מדינות. ווארין דא זענען זיך גיווען אלע מלכים זייערע כנ"ל (ווארין דער מלך מיט די לייט וואס זיי זענען זיך צום אויף גיקומען זיי אלע זענען זיך מלכים פון די אלע מדינות פון די כתות הנ"ל) איז דער בעל תפלה גיגאנגען מיט זייער כח ער זאל זיי רייניקין און זאל זיי מחזיר בתשובה זיין.

האט דער גבור גישמוסט מיט דעם מלך. מכח דער מדינה וואס זיי זענען אזוי אריין גיפאלין אין דער עבודה זרה פון געלט. האט דער גבור גיזאגט צום מלך איך האב פון אייך גיהערט. אז דארך דעם וועג וואס איך האב צו דער שווערד. דארך דעם קאן מען ארויס נעמען דעם וואס ער איז אריין גיפאלין אין דער תאוה פון געלט.

דֶער וֶועג פוּנֶעם שְׁוֶוערְד אִיז, אַז עֶס הֵייבְּט אַן אִיבֶּער גֵיין אוֹיפְּ'ן מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, וֶועקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף אוּן גֶעבְּט אַ טְרַאכְט: 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט', אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

האט אים דער מלך גיענפערט יוא סע איז אזוי. האט דער מלך גיזאגט דעם גבור. (די זאך ווי אזוי מע קאן דורך דעם וועג זיי ארויס נעמען פון דער תאוה פון געלט) באשר אין דעם וועג ווי ער גייט צו דער שווערד. איז פארהאנדין א וועג אין דער זייט. קומט מען מיט דעם וועג צו איין פייערדיקין בארג. און אויף דעם בארג ליגט א לייב. און דער לייב אז ער באדארף עסין גייט ער און פאלט אויף די טשערדעס און נעמט זיך שאף און בהמות און עסט זיי אויף. און די פאסטיכים וויסין דערפון. און זיי היטין זייער די שאף פאר אים. לושמיר דער לייב קוקט גאר דרויף ניט. נאר אז ער וויל עסין פאלט ער אויף די טשערידעס. און די פאסטיכים קלאפין און שלגין און שטורמין אויף אים. לושמיר דער לייב הערט דאס גאר ניט. נאר ער נעמט זיך שאף און בהמות. און ברומט און עסט זיי. און דעם בארג פון פייער זעהט מען גאר ניט (כלומר סע איז דארט פארהאנדין א בארג פון פייער. נאר מע זעהט אים ניט).

און ווידער פון דער זייט איז נאך פארהאנדין א וועג. קומט מען מיט דעם וועג צו איין ארט וואס סע הייסט קעך. און דארט אין דער קעך איז פארהאנדין אלירליי מאכלים. און אין דער קעך איז קיין שום פייער ניט פארהאנדין. נאר די מאכלים ווערין גיקאכט דארך דעם בארג פון פייער הנ"ל און דער בארג פון פייער איז פון דארט זייער ווייט. נאר סע גייען שטעשקים און אזו ווי רינווים פון דעם בארג פון פייער צו דער קעך. און דארך דעם ווערין גיקאכט אלע מאכלים הנ"ל און די קעך זעהט מען אויך גאר ניט ארויס.

## מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם קָאךְ

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק אֱמֶת, עֶר אִיז דֶער קָאךְ וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע עֶסְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם צַדִיקְ'ס פֵייעֶר פְלַאמְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם צַדִיקְ'ס הִתְחַזְקוּת אִיז מְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער דֶעם 'קָאךְ' אוּן 'פֵייעֶר' קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז דָאס אִיז אַ צַדִיק וָואס אִיז מְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט אִין בָּארָא פַּארְק, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִיצְט אִין אַ הֵייל, דִי טִיר אִיז גֶעוֶוען אָפְן אָבֶּער קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אַהִין, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן אַלֶע קְהִלוֹת אוּן קְרֵייזְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דוּרְךְ אִים צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז זֵיי ווִילְן קוּמֶען קַיין בָּארָא פַּארְק זַיין מִיט מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דֶער נָאנְט, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זֵיי: **"קוּם נִישְׁט אַהֶער, בְּלַייבּ מִיט דִי סְפָרִים אוּן דִיבּוּרִים, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען קֶען זַיין דוּ וֶועסְט הָאבְּן חֲלִישַׁת הַדַעַת"**, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' זֶעט מֶען אַז דֶער מְחַבֵּר אִיז אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע צַדִיק, אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, לְמַעֲשֶׂה אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען אוֹיבְּנְאוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, (אִינֶעוֵוייניג אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ צוּ זֶען, אָבֶּער סְתָּם פוּן קוּקְן הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען), אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז): מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן - פוּן זַיין אָנְטוּן, פוּן זַיין פָּנִים וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנְקְט וִוי אַ צְוֵוייטֶער, נָאר דֶער חִילוּק אִיז, אַז זַיין פְּנִימִיוּת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן. דֶערְפַאר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּן: **"זַיי זִיךְ וַוייטֶער מְחַיֶה מִיט דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, אוּן דִיבּוּרִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ קוּמֶען"**, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען דֶער קָאךְ וָואס הָאט מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער דֶער קָאךְ זֶעלְבְּסְט הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶעזֶען גְלַייךְ.

זָאגְט יֶעצְט דֶער רֶבִּי, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וואוּ דֶער קָאךְ אִיז, וֶוער עֶס אִיז דֶער צַדִיק?

נאר סע איז פארהאנדין א סימן. סע שטייען דארטן פייגיל אויף דער קעך. און דארך דעם ווייסט מען אז דארט איז די קעך און די פייגיל פאכין מיט די פליגיל.

אַז מֶען זֶעט אַרוּם דֶעם פְּלַאץ 'פֵייגֶעלֶעךְ וָואס שָׁאקְלֶען מִיט דִי פְלִיגְלֶען', דָאס זֶענֶען אַלֶע הֶענְט וָואס שָׁאקְלֶען דֶעם תְּנוּעָה: **"מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם"**, **"מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם"**, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דָא אִיז דֶער קָאךְ וָואס שְׁטֶעלְט צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע מַאֲכָלִים פַאר דִי וֶועלְט, דָאס וַוייזְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטְן אַ פֵייעֶר, אַ הֵיילִיגְקֵייט.

און דארך דעם צינדין זיי אן דאס פייער און פארלעשין דאס פייער. דהיינו דארך דעם וואס די פייגיל פאכין דורך דעם בלאזין זי אויף און צונדין אן דאס פייער. און ווידער טאקע דארך זייער פאכין פארלעשין זיי דאס פייער אז דאס פייער זאל ניט פלאמען צו שטארק מער איידער מע באדארף. און זיי בלאזין אויף דאס פייער ווערדליג מע באדארף צו די מאכלים דהיינו צו דעם מאכל באדארף מען אזוי א פייער. און צו איין אנדער מאכל באדארף מען איין אנדער פייער. אליץ ווערדליג דעם מאכל אזוי בלאזין די פייגיל אויף דאס פייער. (דאס דערציילט אליץ דער מלך דעם גבור).

## זֵיי צִינְדְן אָן דֶעם פֵייעֶר

דִי פֵייגְל וָואס שָׁאקְלֶען מִיט דִי פְלִיגְלֶען טוּעֶן צְוֵויי זַאכְן, זֵיי צִינְדְן אָן דֶעם פֵייעֶר עֶס זָאל בְּרֶענֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן זֵיי לֶעשְׁן אוֹיס

דֶעם פֵייעֶר; דָאס זֶענֶען צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז מֶען רֶעדְט זֵיי אָפּ פון רֶבִּי״ן, מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּי״ן, צִינְדְט דָאס אָן בַּיי זֵיי דֶער פֵייעֶר פון זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי״ן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער, און גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם נִתְרַחֵק פון רֶבִּי״ן.

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ דַארְף אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער, און אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אִים יָא אָן גְרִינְג, דַארְף עֶר בּוֹדֵק זַיין וָואס דָא גֵייט פָּאר, וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְגֶערְהֵייט.

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן

מֶען זֶעט אַז דָאס פָּאְרן קַיין אוּמַאן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי״ן קוּמְט פַאר יֶעדְן אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל אָנְקוּמֶען גְרִינְג. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַזַא שְׁאֵלָה, עֶר הָאט לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט דֶעם שִׂיחָה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמ״ה) אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען מֶען טַאנְצְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט, צוּ שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פון דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - פַאר אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר לֶעצְטְנְס גֶעוָואלְט מַאכְן דֶעם שְׁבוּעָה מִיט דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה אִין דִי הַאנְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי זַיין גַאנְצֶע קָאפּ און מֹחַ טְרַאכְט יֶעצְט נָאר פון אוּמַאן, עֶר וִויל זֵייעֶר קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן און זַיין וַוייבּ לָאזְט אִים נִישְׁט, אִיז בְּטָעוּת אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פון זַיין מוֹיל דִי וֶוערְטֶער: **״אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ גֵיי דָאס יָאר פָּארְן קַיין אוּמַאן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה״**, פְרֶעגְט עֶר מִיר: **״גֶעוַואלְד! וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוואוֹירְן אַ שְׁבוּעָה דְאוֹרַיְיתָא בִּנְקִיטַת חֵפֶץ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן״**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ נֶדֶר בְּטָעוּת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פִּיו וְלִבּוֹ שָׁוִין, הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שְׁבוּעָה.

[**אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א נָאכְגֶעזָאגְט פון מוֹהֲרָא״ש**, אַז פְרוֹיעֶן וָואס הַאלְטְן דָאךְ נִישְׁט קַיין סִפְרֵי תּוֹרָה, זָאלְן מַאכְן דֶעם שְׁבוּעָה שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיי דִי ׳מְזוּזָה׳, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי הַאנְט אויף דִי מְזוּזָה און מֶען זָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פון דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - פַאר אַ תִּיקוּן].

זֶעט מֶען וִוי אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערִיקְייטְן, מְנִיעוֹת און עִכּוּבִים צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען, און דִי וַוייבּ זָאגְט **״דוּ פָארְסְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן!״** וָואס קֶענֶען זֵיי טוּן, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ צוּלִיבּ דֶעם; בַּיי זֵיי אִיז דָאס דֶער מְנִיעָה, און בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דִי מְנִיעָה ׳דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס׳, עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין, וַוייל עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אָדֶער וַוייל עֶר טְרַאכְט ׳פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ פָארְן׳. אַ טַאטֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן: **״אִיךְ וִויל מַיין בָּחוּר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן און עֶר וִויל נִישְׁט, אִיךְ צָאל אוֹיס דֶעם טִיקֶעט פַארְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה און שְׁלֶעפּ מַיין זוּן קַיין אוּמַאן!״** זַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן אִים שׁוֹין פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין מְנַהֵל, מַשְׁגִּיחַ און עֶלְטֶערְן אַלֶע שְׁטִיפְּן אִים צוּ פָארְן, דִי מְנִיעָה אִיז אַז עֶר אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט גֵיין, וִויבַּאלְד דָאס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע און וִויכְטִיגֶע זַאךְ מוּז דָאס אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער.

## מִשְׁנַיוֹת און תְּהִלִּים

מֶען זֶעט אַז לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת קוּמְט אָן שְׁוֶוער, יֶעדֶעס מָאל מֶען וִויל עֶפֶענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן: ׳יָא׳, ׳נֵיין׳, **׳אִיךְ וֶועל בַּאלְד לֶערְנֶען׳**; זָאגְן תְּהִלִּים קוּמְט אויך אָן שְׁוֶוער, וַוייל דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, בִּפְרַט יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ זָאגְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) אַז מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פון אֱלוּל און עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה; לָאמִיר הַאלְטְן אַ קְלֵיינֶעם תְּהִלִּים אִין טַאשׁ און יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

## שָׁלוֹם בַּיִת

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד אִין קְדוּשָּׁה, דֶערְפַאר אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען זִיךְ בַּארוּמֶען: **״אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת״**, מֵיינְט דָאס אַז אֵיינֶער אִיז עֶרְלִיךְ, אָדֶער אִיז דֶער מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָדֶער דִי וַוייבּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אָדֶער זֶענֶען בֵּיידֶע צוּזַאמֶען עֶרְלִיךְ, וַוייל עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַ קָאפְּל זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, זִיךְ פַארְשְׁטֵיין, און הֲנָאָה הָאבְּן, נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז עֶרְלִיךְ, אֵיינֶער שְׁלִינְגְט, אֵיינֶער אִיז מְוַותֵּר, אֵיינֶער בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ, אֵיינֶער הָאט אָפְּגֶעמַאכְט: ׳אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר הַאלְטְן מַיין שְׁטוּבּ, און אִיךְ גֵיי הַאלְטְן מַיין שְׁטוּבּ פַאר יֶעדֶע פְּרַייז׳.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אוּנְז: אֲפִילוּ זִי קֶען נִישְׁט קָאכְן, זִי קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין בֶּעט, זִי טוּט גָארְנִישְׁט, זִי זִיצְט אוֹיפְ׳ן קָאוּטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאוּן, זִי שַׁאפְט אויף מִיר, זִי בֶּעט מִיר גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, - זַיי מַסְכִּים אויף אַלֶעס, זִי דַארְף נִישְׁט קָאכְן, זִי דַארְף נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן אַ בֶּעט; זוּךְ אויף גוּטְס אִין אִיר, קוּק אויף אִיר גוּטְס, רֶעד מִיט אִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן צוּם גוּטְן. הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער דָאס אִיז ׳קְדוּשָּׁה׳, דָאס אִיז ׳אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳.

## עֶנְדֶערְשׁ שִׁיס אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער...

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט:** אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן שָׁעוֹת מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט גֶטְ׳ן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: **״גֶט זִיךְ נִישְׁט; דוּ לֵייגְסְט צוּגְרִינְד דַיינֶע קִינְדֶער, עֶנְדֶערְשׁ נֶעם אַ גָאן, שִׁיס אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ גֶט זִיךְ...״** עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער״, עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳גֶט, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, שְׁפֶּעטֶער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט קוּמְט עֶר מִיר זָאגְן בְּסוֹד סוֹדוֹת: **״פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיין נַייעֶ וַוייבּ, אִיךְ מוּז שְׁמֵייכְלֶען כְּדֵי מֶען זָאל מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין מְסוּדָּר, אָבֶער אִיךְ וִויל צוּרִיק מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער״**, יֶעצְט טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט, דִי הֲלָכָה אִיז אַז נָאכְ׳ן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ צְוֵוייטֶע וַוייבּ טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע, עֶס אִיז אַ לַאו.

## דִי לִינְקֶע וֶועלְט

לֵיידֶער וֶוערְט דִי וֶועלְט זֵייעֶר לִינְק, מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל זֶעט מֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא זַיין, עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין דְרִיטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה מִיט בִּיקְסְן און טַאנְקֶען, נָאר אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט זַיין אַ מִלְחָמָה בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין מֹחַ, מֶען וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁטְרַיימְל, מִיט דִי בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיט דִי וַוייסֶע זָאקְן, און מֶען וֶועט הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת אִין דִי אֱמוּנָה. דָאס זֶעט מֶען שׁוֹין לֵיידֶער בַּיים טִיר, דִי דֵעוֹת פון דִי לִינְקֶע וֶועלְט כַאפְּן זִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן חֲתוּנָה, זָאל אֵיינֶער אַרוֹיסְגֵיין פון זַיין וֶועג פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ און מַיין וַוייבּ אִיז גְרֵייט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין שְׁלָאף פַאר אִיר און זִי גֶעבְּט אַוֶועק אִיר שְׁלָאף פַאר מִיר, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי וֶועג פון לֶעבְּן מַאן און וַוייבּ, און דָאס אִיז דִי וֶועג פון הֲנָאָה הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם, כַאפְּן זִיךְ אַרַיין דִי לִינְקֶע דֵעוֹת, מֶען זָאל קוּקְן אויף זִיךְ, אויף דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאוֹת, ״אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן פַאר מַיין וַוייבּ״, און זִי זָאגְט: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט מְחוּיָב צוּ לַיידְן פַאר מַיין מַאן״. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַז אַ פְרוֹי קוּמְט אָן צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, זָאגְט מֶען אִיר: **״לָאז אָפּ דַיין מַאן, נֶעם דַיין צַייט וְכוּ׳״**, און פַארְ׳ן מַאן זָאגְט מֶען: **״לָאז אִיר אָפּ״**, פַאר דִי פְרוֹיעֶן זָאגְט מֶען אַז דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן, און פַאר דִי מֶענֶער זָאגְט מֶען אַז דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל, זֵיי הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי הַאקְן דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, און דִי וֶועלְט גֵייט חָרוּב, נָאר וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ בַּיים צַדִּיק, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, וֶועט בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דִי וֶועג פון לֶעבְּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, מֶען זָאל זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, יֶעדֶער גֵייט אַרוֹיס פון זַיין וֶועג פַארְ׳ן צְוֵוייטְן.

[**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט בַּאמֶערְקְט:** וֶוען אִיךְ רֶעד קֶעגְן טֶערֶעפִּיסְטְן, רֶעד אִיךְ בִּכְלָלִיּוּת, עַל פִּי רוֹב זֶענֶען זֵיי לִינְק, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ רֶעכְטֶער טֶערֶעפִּיסְט וָואס לֶערְנְט אוֹיס צוּ לֶעבְּן לוֹיט דִי וֶועג פון דִי תּוֹרָה, אָבֶער אוֹיבּ טְרֶעפְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער טֶערֶעפִּיסְט

קֶען מֶען אַהִין גֵיין].

## מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם

פַאר דִי פְּרוֹיעֶן גֶעבּ אִיךְ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמוּעֶסְן אֵיין מָאל אַ וָואךְ, עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז דֶער מַאן זָאל מְחַזֵק זַיין זַיין וַוייבּ צוּ קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָנְפִילְן מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת. רוֹב פְּרוֹיעֶן זֶענֶען בַּיינַאכְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַרוֹיסְגֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן גֵיין שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיר מְפַתֶּה זַיין אוּן מְפַייס זַיין, אִיר זָאגְן: **"עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּם שִׁיעוּר, דוּ וֶועסְט דָארְט טְרֶעפְן חַבֶרְ'טֶעס וְכוּ'"**, אוּן מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּל מִיט כֹּחַ, פוּל מִיט בֶּעטֶערִי, פוּל מִיט עֶנֶערְגִיֶע, פוּל מִיט שִׂמְחָה.

## דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ', חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְּגַם הַבְּרִית, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ אוּן אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיטְ'ן מַאן.

אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט אוּן דִי וַוייבּ בְּלָאזְט וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט אִיר, דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן; דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אָדֶער הָאסְטוּ אַן אַלְטֶע פְּגַם וָואס עֶס אִיז דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ אוּן דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דֶערוֹיף, טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ גֵיי הַאלְטְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ גֵיי רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים"**.

עֶס אִיז פַּחַד פְּחָדִים אַז אִינְגֶעלַייט קֶענֶען אַרוּמְגֵיין מִיט דִי שְׁטְרַיימְל, מִיט דִי וַוייסֶע זָאקְן, מִיט דִי וַוייסֶע וֶועסְטְל אוּן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף: **'דָאס וָואלְט גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ'**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב) אַז נִיאוּף אִיז 'טֻמְאַת מֵת', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט גֵיי אַהֵיים לֶעבּ מִיט דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין.

## דוּ הָאסְט פּוּטֶער אוֹיפְ'ן קָאפּ...

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט:** דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר אִינְגֶערְמַאן: **"זָאלְסְט וִויסְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי דִיר אִיבֶּער לָאזְן, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר!"** זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט: **"שְׁשְׁשְׁ, צְוֵויי בָּחוּרִים הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט צוּ מִיר"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"וָואס הֶערְט מֶען?! בַּאלְד וֶועט מֶען עֶס זֶען..."** וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז אַנְדֶערֶע הֶערְן עֶס, בַּאלְד וֶועל אִיךְ עֶס זֵיי אוֹיךְ זָאגְן, אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט פּוּטֶער אוֹיפְ'ן קָאפּ, דֶערְפַאר מֵיינְסְטוּ אַז יֶעדֶער וֶועט גֶעוואוֹיר וֶוערְן...

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט רֶעדְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים, נָאךְ יֶעדֶע שִׁיעוּר פְלֶעגְט אַ צְוֵוייטֶער אַוֶועק גֵיין אוּן מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, עֶס הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט פוּן אִים בָּרַבִּים אוּן מוֹהֲרָא"שׁ מֵיינְט אִים צוּ פַארְשֶׁעמֶען, וַוייבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁלָאגְן אִין אָט דִי זַאךְ פוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט.

## חֲלִישַׁת הַדַעַת הָאט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אַמָאל אַזַא מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס פְלֶעגְט זוּכְן וואוּ עֶר קֶען מַאכְן מַחֲלֹקֶת אוּן אַוֶועק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הָאט מִיר אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַז יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען יֶעדְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אֲפִילוּ דִי נָאנְטְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיסֶער אִים [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה]"**, הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶענֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת מִיט יֶענֶעם, אֵיינְמָאל אִיז אִים בַּייגֶעפַאלְן גָאר אַ גוּטֶע פְּלַאן וְוִי אַזוֹי מִיךְ מְסַדֵר זַיין וְכוּ', עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ צֵייטוּנְג וָואס אִיז פוּל מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת וְכוּ', אוּן מִיט גֶעלְט קֶען מֶען דָארְט אַרַיין לֵייגְן וֶועלְכֶע נַייעֶס מֶען וִויל אֲפִילוּ לִיגְנְט אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע וְכוּ', "אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַ דְרָשָׁה אַז אִיךְ זָאל אִיבֶּער נֶעמֶען", דָאס אִיז אַרַיין אִין דֶעם צֵייטוּנְג, יֶענֶער הָאט עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ לֵיל שִׁישִׁי פַארְ'ן שִׁיעוּר אוּן גֶעוִויזְן: **"קוּק וָואס עֶר [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה] שְׁרַייבְּט אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אַז עֶר גֵייט אִיבֶּער נֶעמֶען"**, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אַז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶערוּפְן אִינְמִיטְן טָאג דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דֶעם נַייעֶס אִינֶעם צֵייטוּנְג, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס וַוארְט אוֹיף מִיר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ בִּין אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר וֶועגְן דֶעם, וְכַךְ הֲוָה, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּם שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעזֶען וָואס גֵייט קוּמֶען, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף בַּיים שִׁיעוּר: **"קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן אַ מְחוּצָף אוּן טְרַאכְט וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען אִיבֶּער נֶעמֶען זַיין רֶבִּי וְכוּ'"**, אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצְן צַייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין"**.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהַאט גֶערוּפְן יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי - אֵיידֶער מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם נַייעֶס פוּנֶעם צֵייטוּנְג - אַז אִיךְ זָאל אִיךְ בְּרֶענְגֶען פוּפְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער (פַאר יֶענֶעם בַּאנְדִיט וָואס הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט דֶעם נַייעֶס אִין דִי צֵייטוּנְג...) אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל גֶעשַׁאפְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אִיךְ קוּם אַרַיין אוּן מוֹהֲרָא"שׁ וַוייזְט מִיר דֶעם צֶעטְל, אוּן פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס שְׁטֵייט דָא? אַז דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְנֶעמֶען?!"** אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט, דָאס הָאט דֶער צֵייטוּנְג שְׁרַייבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן. סְתַּם אַזוֹי פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן צוּ מִיר, דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מֶער גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ מִיר.

וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶער זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶערוּפְן 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' אוּן אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דֶעם פַּרְשָׁה, פוּן דִי תש"ל יָארְן, הֶער אִיךְ וְוִי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע שַׁארְפֶע דְרָשָׁה, אוּן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹירְן... הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט דִי זֶעלְבֶּע שִׁיעוּר אַלֶע יָארְן אוּן דִי חֲלִישַׁת הַדַעַת הָאט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס.

[אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטוֹב פַאר רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, וַוייל עֶר אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דֶערְצֵיילְט דֶעם אֱמֶת אַז אֵיינֶער הָאט עֶס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס אִיז הוֹילֶע לִיגְנְט, אַזוֹי אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר].

אִיךְ דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגְן וָואס יֶענֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים וֶועגְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זַיין וַוייבּ **"וַוייל מֶען הֶערְט"**, וָואס הֶערְט מֶען? וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? דָאס זָאג אִיךְ דָאךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם נִישְׁט נָאר פַאר דִיר!

## צוּ לֵייגְן שַׁבָּת מֶער לִיבְשַׁאפְט

אֲפִילוּ דוּ וָואלְסְט טַאקֶע גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זָאגְן, וַוייל דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין דַארְף אוֹיךְ הֶערְן עֶר זָאל רֶעדְן שֵׁיין, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דַף נז) אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן טָאפְּלְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ צִינְדְט מֶען אֵיין לִיכְט, אוֹיף שַׁבָּת זָאל מֶען אָנְצִינְדְן צְוֵויי לִיכְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט מֶען אֵיין בְּרוֹיט, שַׁבָּת הָאט מֶען לֶחֶם מִשְׁנָה, אוֹיבּ אִיז מֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ טְרוֹיעֶרִיג, דַארְף מֶען שַׁבָּת זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט דוּרְכְ'ן וָואךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אָדֶער מִיט דִי וַוייבּ, דַארְף מֶען זִיךְ שַׁבָּת אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, פִּירְט דֶער זוֹהַר אוֹיס: אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין בְּשָׁלוֹם אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר רֶעדְט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ שֵׁיין צוּ זַיין וַוייבּ, דַארְף עֶר שַׁבָּת צוּ לֵייגְן מֶער לִיבְשַׁאפְט, רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.